לייזער וואָלף

# עוויגינגאָ *

אין די פּייַכטע, טיפֿע דזשונגלען,
אויף די זומפּן זשאַבאַטשוקאָ,
בייַ דעם שוואַרצן וואַסער טשונגאָ,
וואָס אין ווייכן טאָל אַמיקאָ —
לעבט דער אַלטער גוטאַמינגאָ,
וויינט דער אַלטער גוטאַמינגאָ.
עסן עסט ער אַלטע שלאַנגען,
פֿייגל־אייער, בלינדע ווערים,
זשאַבעס, פֿיש מיט גרינע אויגן,
וועווערקעס וואָס קענען פֿליִען,
מייַזלעך, וואָס דערציילן מעשׂיות,
מאַלפּעס, וואָס פֿאַרשילטן זקנים.
ניט געהאַט האָט ער קיין יוגנט־
צייַט דער אַלטער גוטאַמינגאָ.
זומפּן האָבן אים געבאָרן
אַלטערהייט מיט קרומע ביינער,
זשאַבעס זייַנען זייַנע אויגן,
בושלען — זייַנע פּיס פֿון פֿלעקער,
זייַנע הענט — ווי אַלטע שלאַנגען,
זייַנע האָר — ווי גראָע דערנער.
שטייענדיק אין וואַסער שלאָפֿט ער,
ווען ער גייט, די מאַלפּעס לאַכן:
— אָטאָ גייט ער, גוטאַמינגאָ,
דער צעדרייטער אַלטער פֿלאָקן!
און די וועוועריקלעך די שטיפֿערס
וואַרפֿן ניסלעך אים אין פּנים:
נאָר דער גראָער לייב דער עלטסטער

* די פּאָעמע ׳עוויגינגאָ׳ האָט לייזער וואָלף אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אין ווילנע, דורכן פֿאַרלאַג ׳געראַנגל׳ אין 1936סטן יאָר. דאָס איז געווען אַ קליין ביכעלע, געדרוקט מיט לאַטייניש אותיות.

האָט נאָך פֿאַרן אַלטן אָפּשײַ
און דער אַלטער גוטאַמינגאָ
קלאָגט פֿאַר אים אין טיפֿן אָוונט:
— וויי צו מײַנע אַלטע יאָרן!
שווער איז מיר שוין אומצושפּרײַזן
אין די דזשונגלען, אויף די זומפּן,
זוכן שפּײַז פֿאַר מײַנע ציינער,
וואָס צעברעקלען זיך פֿון אַלטקייט.
שווער איז מיר שוין אײַנצושלינגען
אַ בוטשאַן אין דעם פֿרימאָרגן
און אַ יונגן בער אין אָוונט.
כ'דאַרף שוין ברענגען אויפֿן פֿײַער
פֿאַר מײַן זון אין רויטן פֿײַער
דאַרף איך זײַן אַ שטיק געבראָטנס —
וויי צו מיר איך האָב קיין זון ניט!
ווער וועט מײַנע ביינער לעקן,
זיי צעוואַרפֿן אין די זומפּן,
שטאָרבן זאָלן נעמען שפּראָצן
הויך פֿון מײַנע אַלטע ביינער?
ווער וועט מײַנע אויגן לייגן
אין די טאָלן אַרום פֿעלזן,
לײַכטן זאָלן זיי פֿאַר גראָע
בלינדע וועלף אויף נאַכט־געיעגן?
ווער וועט מײַנע האָר פֿאַרפֿלאַנצן
צווישן דערנער, האַרטע גראָזן,
טאָמער וועט אַ פֿויגל פֿאַלן,
זאָל ער ניט צעשטאָכן ווערן?
ווער וועט מײַנע ציין פֿאַרזעצן
אויף די בערגלעך, וואַקסן זאָלן
ווײַסע, שלאַנקע, זיסע בוימלעך —
יונגע כּלות פֿאַר די ווינטן?
וויי צו מיר, איך האָב קיין זון ניט!
וויי צו מיר, איך האָב קיין זון ניט!
און דער גרויער לייב דער עלטסטער
איז געזעסן לאַנג, געשוויגן,
מיטן עק געקלאַפּט, געזשמורעט
מיט די געלע, קאַלטע אויגן
און זיך פּלוצלונג אָפּגערופֿן
מיט אַ קול, פֿאַרטויבט פֿון אַלטקייט:

– דרײַסיק נעכט אויף דרום־מזרח
גיי אָן אָפּרו און אָן וואַסער,
וועסטו טרעפֿן זיבן בערגלעך,
איינער העכער פֿון דעם צווייטן:
אויף אַ פֿעלז פֿון העכסטן בערגל
זיצט די סאָווע אַנאַקומיס,
זיבן אויגן אין איר שטערן,
דרײַצן פֿינגער אויף איר האָרן.
זאָג צו איר איין וואָרט פּאַמעלעך,
גאָר פּאַמעלעך: עוויגינגאָ! –
און דו וועסט געהאָלפֿן ווערן.
גיי מיט גליק, און זאָרג ניט, אַלטער.
האָט דער אַלטער גוטאַמינגאָ
לאַנג געגלעט דעם לייב דעם גראָען,
אים געדאַנקט און זיך געזעגנט,
זיך געלאָזט אויף דרום־מזרח
גיין אָן אָפּרו און אָן וואַסער.
דרײַסיק נעכט זײַנען אַוועק שוין.
און ניטאָ די זיבן בערגלעך
און די סאָווע אַנאַקומיס.
בערגלעך זײַנען דאָ, נאָר אַכציק,
שפּיציקע, ווי שאַרפֿע ציינער,
און אויף זיי, גייט אום לבֿנה,
טאָכטער פֿון דער נאַכט, לבֿנה:
– טאָכטער פֿון דער נאַכט, לבֿנה –
זאָגט דער אַלטער גוטאַמינגאָ –
אפֿשר ווייסטו, ליבע טאָכטער,
וווּ די זיבן בערגלעך זײַנען
פֿון דער סאָווע אַנאַקומיס?
כ'דאַרף זי האָבן, כ'מוז זי פֿרעגן:
עוויגינגאָ! עוויגינגאָ! עוויגינגאָ!
רויִק ענטפֿערט די לבֿנה,
גייענדיק אויף גלעע פֿיסלעך:
– וווּ די ווינטן זײַנען דרײַצן
אויף די הוילע ציין פֿון קאָרן
וווּ די ליבע ווינט געלאָסן,
אויף אַ פֿײַגן־בוים בײַם וואַסער,
וווּ די שטערן טאַנצן שכּור,
גלײַך און גלײַך, דורך זומפּ און זאָרגן,

אייערנעכטן אויף אַ פּלאָקן,
זיצט די סאָווע אַנאַקומיס,
זאָג איר זיכער: עוויגינגאָ!
דאַנקט דער אַלטער און ער לאָזט זיך
ווײַטער גיין די סאָווע זוכן.
שטיינדלדיק דער וועג, די פֿײַלן
זשומען גיפֿטיק אין דער לופֿטן.
רויטע ווינטן, בלויע פֿעלזן,
מעלקט דער טייל (זיך?) אין אַ קערבל.
ס'עפֿנט זיך די ערד מיט פֿײַער
און פֿאַרמאַכט זיך מיט אַ דונער.
מיד איז גוטאַמינגאָ, ס'וויגן
זיך די קני ווי שווערע שיפֿלעך,
ס'נויגט זיך צו דער ערד זײַן שטערן
און ער פֿליסטערט: עוויגינגאָ!...
פּלוצלונג: אַ פֿאַרברענטער דזשונגל.
אויף די גליִענדיקע צווײַגן
פֿון אַ גראָבן בוים אין פֿאַלן
פֿליט אַ קו מיט דינע הערנער
אין די פֿעדערן פֿון זילבער. —
— ליבע קו, דו גוטע געטין,
וואָס דו גיסט גאָר מילך דײַן שונא.
זאָג מיר, אפֿשר ווייסטו וווּ די
סאָווע אַנאַקומיס נעכטיקט?
כ'מוז זי האָבן, כ'מוז זי פֿרעגן:
עוויגינגאָ... עוויגינגאָ...
ס'האָט די קו געהאַט רחמנות
אויפֿן האַרטן, בלינדן זקן,
און זי האָט אים מילך געגעבן
פֿון איר פֿולן ווײַסן אײַטער,
און זי האָט געזאָגט געלאַסן
קײַענדיק די שווערע ווערטער:
זיבן וועגן פֿון אַלבאַסטער
קרייצן איבער אַכט פֿון גינגאָלד,
יאָגן זיך צום פּאַלאַץ באָנום
פֿון דער געטין אַטענאַדראַ.
און דער פּאַלאַץ איז פֿון מאַרמאָר,
ווײַס ווי שוים פֿון וואַסערפֿאַלן;
אין איר סאָד די שווערע עפּל

לײַכטן ווי לבֿנות פֿולע;
אירע בריסט — ווי זילבער־קוילן
ווען די זון גייט אויף אין מזרח,
אירע האָר פֿון העלן האָניק,
אירע אויגן — נאַכט און סאַמעט,
אירע הענט ווי צאַרטע שלאַנגען
אַרום ליבעסגאָט פֿאַרפֿלאָכטן:
וועסטו פֿאַלן אויפֿן שטערן,
נאָנט צו אירע קליינע פֿיסלעך
און אַרויסקלאָגן געלאַסן:
עוויגינגאָ... עוויגינגאָ...
דאַנקט דער אַלטער און ער לאָזט זיך
אויף די וועגן פֿון אַלבאַסטער,
מידע שלאָפֿן אויף די וועגן,
אײַנגעשפּאַנט אין פּורפּור־וואָגנס,
אייזלען, בלוט און שוויס און צירונג,
שטעט און טעמפּלען, זײַלן, געטער,
בלוט, געלעכטער, גאָלד און שאַנדע,
יאָגן זיך נאָך רום און כּבֿוד,
יאָגן זיך צום פּאַלאַץ באָנום
פֿון דער געטין אַטענאַדראַ;
און דער פּאַלאַץ איז פֿון מאַרמאָר,
נאָר אין בלוט און פֿלאַמען שטייט ער,
און אין פּאַלאַץ אויף די קישנס
ליגט די שיינע געטין שכּור,
פֿון אַ קראַנקהייט אויפֿגעפֿרעסן
ווי אַ שלאַנג פֿון פֿערד צעטראָטן.
אַרום איר די שוואַרצע מיידלעך
ציטערן אין שרעק און טרערן.
פֿאַלט דער אַלטער צו די פֿיסלעך
פֿון דער דורכגעפֿוילטער געטין
און ער פֿליסטערט און ער בעט זיך:
עוויגינגאָ... עוויגינגאָ...
— עוויגינגאָ — ציט די געטין
ווי אַ המשך פֿון איר חלום, —
היילן טונקעלע און לאַנגע,
דערנער און נשמה־לײַדן,
בלאָע ליבע אָן אַ גרענעץ,
אָן אַ גוף און אָן אַ זינען,

צלמים שוואַרצע, וווּנדן רויטע,
מאַנטלען־נאַכט און הערצער־פֿײַער,
הײַזער שפּיציקע ווי שפּיזן,
טירן, פֿענצטער — שמאָל ווי פֿינגער —
און אין קאַלטער וואַנט פֿאַרמויערט,
מיטן מאַרך צום שטיין געשלאָסן,
אויף די פּיס — אַ קײַט פֿון אײַזן
און דאָס האַרץ אין טאַש פֿון טײַוול —
עוויגינגאָ... עוויגינאָ...
דאַנקט דער אַלטער און ער לאָזט זיך
ווײַטער זוכן עוויגינגאָן.
וועגן ציִען זיך געפּלאַסטערט
וועגן־וואַלד און וועגן־וואַסער,
און ער גייט דורך קאָרידאָרן
פֿול מיט ביכער און מאָנאַכן,
דורך די האַרטע גראַטן קוקט ער
אויף די הויכע קלויסטער־שפּיצן.
גלעקער קלינגען, בלעטער קלאָגן,
שײַטער־הויפֿנס אויף די פּלעצער,
בעטנדיקע הענט אין פֿײַער
און דער עולם אין התלהבֿות
אויף די קני אַראָפּגעבויגן.
גייט דער אַלטער און ער ווייס ניט
וועמען פֿרעגן, וועמען בעטן;
אַלע האָבן עפּעס מורא
ווערטער אויפֿן ליפּ צו ברענגען.
רײַטער אויף די פֿערד באַפּאַנצערט,
שטעכן זיך מיט לאַנגע שפּיזן,
טאָמער רעדסטו, טאָמער פֿרעגסטו,
טאָמער ווילסטו עפּעס וויסן.
דינער, פֿערד און קנעכט, באַראָנען
פֿילן אויס די שטעט און דערפֿער.
אין די שענקען — ווײַן און ווײַבער,
אויף די פֿעלדער — בלוט און בײַטשן.
זיצט דער אַלטער גוטאַמינגאָ
איין מאָל אין אַ קליינעם שענקל;
מיד איז ער פֿון וועג. די טאָרבע
לייגט ער אונטער זיך אַרונטער
און ער בעט אַ גלעזל רויטווײַן

אָנצוּוואַרעמען די גלידער.
פּלוצלונג זעצט זיך אַ פּאַרשוין צו
צו זײַן טישל מיט אַ גלעזל
פֿול מיט ווײַן, צי גאָר מיט פֿײַער;
עפּעס אַ פֿאַרדעכטיק־הויכער,
אין אַ הויכן הוט מיט זיבן
פּאַווע־פֿעדערן ווי בלאָע
לאַנגע דינע פֿלאַטער פֿלאַמען;
אויף די פֿינגער טראָגט ער רינגען
פֿול מיט גרויסע איידלשטיינער
רעגנבויגנדיק צעבליצטע;
שמאָלע הויזן טראָגט ער, גרינע,
דורכגעוועבט מיט זילבער־פֿעדים
און אין האַנט — אַ בײַטש פֿון לעדער,
אײַנגעשמידט אין בראָנז און קופּער.
שכּור איז ער קענטיק זייער;
אויף די גראָבע, פֿרעכע ליפּן
שפּרינגט אַרום אַ פֿײַכטער שמייכל,
ווי אַ זשאַבע אויף אַ ברעטל.
— הער באַראָן פֿאָן פאַנטאָפֿל! —
שטעלט ער פֿאָר זיך פֿאַרן אַלטן,
קלאַפּנדיק זײַן גלאָז אָן גלעזל
פֿון דערשטוינטן גוטאַמינגאָן,
טרינקט ער הילכיק, נאָכער זאָגט ער:
— וואָס איז דײַן באַגער — און כ׳גיב דיר!
כ׳בין איצט אין אַ זייער
אויפֿגעלייגטער, גוטער שטימונג
און דײַן יעטווידער פֿאַרלאַנג וועט
מאָמענטאַל פֿאַרווירקלעכט ווערן...
שטאַמלט גוטאַמינגאָ שוין ווי
דורך אַ נעפּל פֿון פֿאַרגעסונג:
עוויגינגאָ... עוויגינגאָ...
— עוויגינגאָ? — פֿרעגט ער איבער
דער פּאַרשוין באַראָן פאַנטאָפֿל —
וואָס איז דאָס?... אַזאַ מין חיה?
פּרעהיסטאָריע?... מיטלעלטער?...
עווי... גינגאָ... עוויג... עוויג...
אַ גערמאַניש וואָרט... איך ווייס שוין...
גערמאַניסטיק... גוט, באַקומסט עס!

כ'װעל דיר אָנשרײַבן אַ בריװל
צו מײַן פֿרײַנד געהײַמראַט געטע,
האָמאָנוקולוס און הער פֿאַוסט.
נאָך אַ שטעמפּל װעסטו גײן צום
מעסיע נאַפּאָלעאָן פֿון פֿראַנקרײַך,
קיניג איבער פּרײַסן, שפּאַניע,
און קאַטאַראַ בלינדעקישקע;
די צעטײלונג פֿון אײראָפּע
װעט דיך פֿערטלען אין שװעצאַריע,
פֿו, עס דרײט זיך מיר אין קאָפּ שױן /
װי די ערד אַרום דער זון־שײַן! /
נאָך דער לעצטער עקספּעדיציע,
אין אַ פֿלעשל פֿון שאַמפּאַניער,
פֿעסט פֿאַרקאָרקעװעט אין פּוילן
פֿון אַ װילדן װיצע־קעניג
איבער אַפֿריקאַנער ליטע,
בײַ נאַפּאָלעאָן אין װעסטל,
אױפֿן אינדזל קראַנקעביענע —
ליגט ער און ער דרימלט רויִק
אין די װיקעלעך פֿון כעמיע,
אויף אַ שליטן פֿון אַ גענעץ —
עװיגינגאָ... עװיגינגאָ...
גוטאַמינגאָ האָט גענומען
ס'בריװל צום געהײמראַט געטע
און געלאָזט זיך אויף די װעגן
קײן גערמאַניע און קײן װײַמאַר,
נאָר דער װעג איז לאַנג און גליטשיק
און ער פֿירט אַראָפּ אין טאָלן.
געטע איז שױן לאַנג געשטאָרבן,
קאַרל מאַרקס איז שױן געקומען,
אַרבעטער אין רױטע בלוזעס
פֿלאַטערן אין קאַמף אױף גאַסן.
פֿעלקער גרײטן צו מלחמה,
פּאַנצער־שיפֿן, טויט, שגעון.
גוטאַמינגאָ איז פֿאַרמאַטערט
שױן פֿון לאַנגן גאַנג, ער װיל שױן,
אױסציִען די קאַלטע בײנער,
שלאָפֿן, שלאָפֿן, טױב און אײביק.
נאָר די ערד — זי לאָזט ניט שלאָפֿן,

פֿול איז זי מיט גרויל און פֿײַער.
מתים־בערג אויף אַלע פֿעלדער,
שטייט אין מענטשנפֿלייש פֿאַרזונקען.
ס'קלאָגט די ערד, געשענדט, דער הימל
וויינט מיט באָמבעס און מיט שיפֿן.
איין סעקונד נאָר ווערט עס העלער —
מאָסקווע פֿליט — אַ פֿײַער פֿויגל,
פֿליגלען־ברייטע פֿינף־יאָר־פּלענער
און דער עק — אַ שווערע פֿאָנע
איינגענעצט אין בלוט פֿון העלדן.
מיטן שטויב פֿון טויזנט וועגן
קומט קיין מאָסקווע גוטאַמינגאָ.
אויפֿן רויטן פּלאַץ אין אָוונט
שטייט ער פֿאַרן טויטן לענין
און ער שמייכלט און ער פֿליסטערט:
עוויגינגאָ... עוויגינגאָ...
וואָס־זשע רעדסטו? וואָס־זשע שילטסטו? —
זאָגט דער וואַך־סאָלדאַט צום אַלטן —
וואָסער מינגאָ? וועלכער שמינגאָ?
דאָ איז נאָר דער חבֿר לענין
און איך היט אים! טראָג זיך ווײַטער.
גיי צום חבֿר מיראָגראַיעוו,
ער וועט דיר שוין אַלץ דערקלערן...
עוויגינגאָ... שמעוויגינגאָ...
דאַנקט דער אַלטער און ער לאָזט זיך
צום פּראָפֿעסאָר מיראָגראַיעוו.
אַלע ווייסן און מען ווײַזט אים:
דאָרטן אויפֿן הויכן בערגל
שטייט אַ זײַל, אַ ריז, אַ טורעם,
דרייען זיך אַרום די וואָלקנס.
אינעווייניק אין דעם טורעם
גייען טישן, מענטשן, קינדער,
פֿון מעטאַל, פֿון פעלץ און וואַטע.
דער פּראָפֿעסאָר אין אַ פעלצל
עסט אַ פֿלוים פֿון דער לבֿנה,
רעדט זיך מיטן מאַרס און וויצלט
זיך מיט דער פּלאַנעט ווענערע.
אויף אַ שפּוליק בײַ זײַן אויער
דרייט זיך אונדזער ערד אַרומעט,

שטערן קוקן אין די פֿענצטער,
שיטן זיך און לאַכן ליכטיק.
— אָ, וואָס מאַכסטו, גוטאָמינגאָ?
אַלט־געטרײַער פֿרײַנד, וואָס מאַכסטו?
און וואָס מאַכט דײַן זון דער ליבער
מיטן נאָמען עוויגינגאָ?
גוט, איך וועל דיר מאַכן ייִנגער.
זעץ זיך, רו זיך אָפּ אַ רגע —
און ער עפֿענט אויף אַ קאַסטן
פֿול מיט לעבעדיקע הערצער:
קלײַב זיך אויס אַ האַרץ, מײַן ליבער,
קלײַב זיך אויס אַ האַרץ, נו גיכער:
פֿאַרטיק! איצטער ווערסטו ייִנגער!
קרעפֿטיקער, געזינטער, פֿרישער,
שטעל זיך צו דער אַרבעט, פֿלינקער!
ביסט אַן אַרבעטער געוואָרן!
איצטער ווילסטו פֿליגלען? — ביטע!
נאָר וואָס דאַרפֿסטו, חבֿר, פֿליגלען?
זעץ זיך אין האַרמאַט, איך גיב אַ
שאָס — דו פֿליסט צו אַלדע העלן!
אָט ביסטו אויף דער לבֿנה,
סמעטענע איז דאָ דער באָדן,
און אָט ביסטו אויף דער זון שוין,
זיס איז זי און געל ווי האָניק.
כ׳טונק דיר אָפּ אין ווּנדערוואַסער —
און אַ קינד ביסטו אַ נאַקעטס,
קליינע פֿליגעלעך ווי בלעטלעך —
און דו פֿלאַטערסט צווישן שטערן
ביז דו ווערסט אַליין אַ שטערן.
איצטער קום צוריק אַרונטער
אויף דער פּראָסטער ערד אַ ביסל.
כ׳פֿלאַנץ דיר אײַן די פֿרישע דריזן,
אויפֿגעהאָדעוועט אין ווינוּם
גומילעקמירום קדחת
און דו ווערסט אַ ריז, אַ גיבור,
דו צערײַבסט די ערד אויף אַרבעס
און דו קאָכסט אַן אַרבעס־קאַשע,
און די גיסט אַ בלאָז — פֿאַרלעשן
זיך די שטערן, די לבֿנה;

מיט דער זון ווי מיט אַ זענעפֿט
רײַבסטו אײַן דײַן קראַנקע פּלייצע.
פֿינצטער ווערט אין אַלע רוימען,
גאָרנישט, נאָר דײַן קראַנקע פּלייצע.
און דו ביסט מיר שוין דערעסן,
נעם איך און איך גיב דיר שמעקן
שמעקמיר אום עטומאַרומעט —
און עס ווערט פֿון דיר אַ גרײַפּל
און פֿון גרײַפּל ווערט אַ פּולוווער,
און פֿון פּולוווער ווערט אַ ווינטל,
און פֿון ווינטל ווערט אַן אָטעם,
און פֿון אָטעם ווערט אַ בלעזל,
און פֿון בלעזל ווערט אַ בורבל.
און פֿון בורבל בלײַבט אַ שוימל,
שוימל־שימער־גאָרגל־גאָרנישט;
גאָרנישט ווערסטו אין דעם גאָרנישט
און איך מאַך אַ נײַעם גאָרנישט,
ערד און וואַסער, זון און פֿײַער,
אַ לבֿנה פֿון אַ בלעבל
און אַ ייִנגל פֿון אַ בעבל.
ווערט מיר אומעטיק — צעמאַך איך,
ווערט מיר טרויעריק — באַשאַף איך
ערד און הימל,
מיידל — ייִנגל,
גוטאַמינגל,
עוויגינגל.